# די נאכט פון ט"ו כסליו

איינע שרעקליכע געשיכטע וואס עס וואר אין דער גרויסער
שטאדט אילון וואס איזט אין [illegible] אין דעם יאר
תקל"א · וואס דורך דעם איזט [illegible] דער
הקדש · מיר האבין עס ארויס גיקליבן פון [illegible]
אלטין דברי הימים · וואס וואורין אין אים נאך [illegible]
גישיכטין גישריבין · עס איזט דער פון צוא זעהן [illegible]
ווייט עס האבין זיך אין אונזערע צייטין די ארדענונגען
ביי אונז גיבעסערט · אונ אזוא אויך וויא ווייט עס האט
זיך די חכמת הרפואה פאר גרעסערט ·

## ווילנא
תרכ"ח


Ди нахтъ фунъ тесъ вавъ Киславъ,
т. е.
Ночъ пятнадцатого числа кислава.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Фина и Розенкранца. 1868.
На Вилейской улицѣ домъ № 715/24



Hu 1893
ROSENCRANTZ & SHRIFTGISER 32M
1771

JY78.1.45

# דיא נאכט פון ט"ו כסליו

יתר מהטבע האדם במעשהו אם טוב ואם רע יאמרו החוקרים האלקיים הם הקדמונים דאס הייסט פיל וויכטיגער אונ מעכטיגער איזט דער מענש מיט זיינע מעשים די גוטע אדער די שלעכטע אלס אלע קרעפטע פון דער גאנצער נאטור, זאגען דיא געטליכע פילאזאפען אונזערע אין זייערע אלטע ספרים *) דאס איזט אזו ווייט געמיינט דר מיט לא די וואס דער מענש איזט ניט אונטער געווארפן אונטער דיא כוחות הטבע ווי אלע זאכען וואס געפינן זיך אין דער וועלט, למשל ווי דאס געדייהען פון אלער האנד געוועקס, אדער פון אלער האנד בעשעפענעס וואס דיא כוחות פון דער נאטור ווירקען אויף זייא צו גוטען אונ צוא בייזען איזט ער נאך איין גרויסער מושל (בעהערשער) איבער זייא אונ קען זייא אלע מאל אום ענדערין מיט זיינע מעשים צום גוטען, אדער צום שלעכטען, צום ביישפיל, ווייזן

דיא

*) דער בעל עקדה זאגט אין זיינעם צוועלפטין שער אין דעם קאפיטיל «נגון העולם» וואס דר טייטש איזט דער פון «די וועלט מוזיקע» דאס עס איזט אזו איין גרויסער עיקר פון אונזער אמונה צוא גלויבן דאס מיר מענשין האבין אגרויסין איינווירקונג (וולאדע) מיט אונזער הנהגה אויף דיא סדרי הטבע, וויא דיא מוזיקע אויף דיא הערער, אונ זאגט דאס דיא גלגלים, דיא שטערין, די זון, די לבנה אונ אזו דיא גאנצע בריאה מארשירט נאר נאך דעם טאקט פון אונזער שפילין אויף דעם מוזיקאלעשין אינסטרעמענט פון דר מוראל (פראמקייט), אונ זיינע איבעריגע הייליגע רייד איזט ניט דא דער ארט עס צו איבער זעצין.

JLM 3165.15.2
YS 165.15.2
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Ценсурою. 2 Мая 1868 г. Вильна.

די מענשין פרום און גוט קענען זייא מיט זייערע צדקות אומוואנ
די נאטור צום מזל און ברכה, דאס הייסט דאס אלע איהרע קרעפ
זאלען זיך שטארקען נור צו דעם מענשליכען גליק און זאלין אן מא
אין דער וועלט גרויס זול שלום און געזונדהייט, און ווען חל
פערקערט, דאס הייסט ווען די מענשין זייען זינדיג דאן ווערין נת
די סדרי הטבע אום זייא נור אום גליקליך צו מאכין, די הי
הערין שוין דאן אויף צו רעגענען און די ערד הערט אויף צו גע
איהרע פרוכט און טרעט אריין אין דער וועלט הונגער און נויט,
אבער די מענטשין גאנץ פערדארבען זיינן דאן שפרינגען ארויס שוין
גאנצען פון דער קאלייע (גלייז) די טרייב רעדער פון דער נא
נאטור, און עס ווערט פון דער גאנצער בריאה ווידער ת
ובוהו וויא דיזער פאל איזט געשעהן אין די צייטען פון מבול, דא
מענטשין האבין מיט זייער פערדארבענהייט אזוי וייט געווירקט
די נאטור קרעפטען דאס די וועלט האט שוין געהאלטין אין גא
בייא דעם אונטער גיין ווען עס וואלט דאן ניט געלעבט איינער הצ
וואס האט איר דאן דר האלטין מיט זיינע צדקות.

די זעלבינע רייד איזט ארויס צוא זעהען זעלבשט פון או
תורה זעלבשט וואס זיא הייגט אן די ברכות מיט די קללות נא
אונזערע מעשים אליין, און פשיטא איזט עס שוין צו געפינען או
אונזערע דברי חכמים אין כמה וכמה שטעלין, און בפרט נאך אין
דרוש וואס זייא דרשענען אויף דעם פסוק מושל באדם צדיק מ
יראת אלהים דאס הייסט דאס דער פרומער מענטש הערשט אי
דער בריאה מיט זיינער יראה און פרומקייט להבדיל וויא גאט א
און דר ציילין אזו אויך כמה וכמה ביישפילין פון דעם אליהו הנ
אלישע וואס האבין איין געהאלטין רעגין און געגעבין רעגין, געמיי
און בעלעבט, גענוג איך וויל דיר דערמאנען לעווערין נאר בעו

דאס



אס די סדרי הטבע (די פראוולנע פון דער נאטור) ריכטען זיך נאך
ר נאך די אויף פיהרונג פון מענטשן, גייען די מענטשן אין דעם
ריגען וועג וואס גאט האט געבאטין גייען די טרייב רעדער פון דער
טור אויך אין זייערין געהעריגין גלייז (קאלייע) וואס גאטש פינגער
ט זייא פאר געצייכינט פון אייביג אן, ווייכט אבער דער מענטש
זיינעם רעכטין וועג, ווייכין יענע אויך און שפרינגען ארויס פון
ער גלייז וויא די לאקאמאטיף (די מאשינע) שפרינגט ארויס
י רעלצין ווען דר מאשיניסט האט זיך איין עמוואס איבער געטרונקען
האט איין קליין פערזעהן געמאכט.

ולכן) און דאהער מיט נייצינג יאר צוא ריק אלס די מענטשין
ל און אונזערע אידלאך פון אילון בפרט ווארן פיל פרימער
היינטיגער דור, און האבין פון גאטש וועג ניט אפ געווייכט
איין האר, זיינן זיך די רעדר פון דער נאטור געגאנגען זיך גלייך ווי
טור, אין זייער אלטין און פערצייטיגין גלייז (קאלייע) ריכטיג
געשווינט וויא אשליטיל אויף דעם אייז עס איזט דאן געווארין
ער און ווינטער אין די געהעריגע צייטין באלד נאך סוכות פלעגט
ייבין צוא פרירין, ראש חודש חשון האט אן געהייבין צו שנייען
עם וואר איין שטייפער און טריוואלנער ווינטער ביז ראש חודש
דאן האט עס אפ געלאזין, פסח וואר שוין אלע וואסערין פריי און
, ראש חודש אייר ווארען שוין די פעלדער און די וועלדער גרין
עם וואר אלזו איין שטאלנער זומער ביז נאך סוכות און אזוא
יאר פאר יאר און עס וואר קיין דרייענים צוא ווישין דעם זומר
ווינטר ווי היינט בייא אפאר פאלק, אין דער לוח איזט קיין מאל
ליגנער געבליבין, דען ער האט געוואוסט און ווער זיכער דאס
ועט ניט אנדערש זיין וויא אלע יאר און דאס איזט נאר ווייל
ערע פרומקייט וואר דאן פיל פעסטער זיכערער נאראזנער אלס

די

Once upon a time, when the natural cycle was in congruence with the religious cult...

דיא היינטיגע וואס איזט פלאטערהאפטר (אונ בעשטענדיג) אלס
בלעכענער וועטער האן *) אונ האט דאהער גיקענט דארויף זיכער
אונ שרייבן דאס אום ווינטער וועט זיין קאלט אונ אום זומער
זיין וואַרים נון פערשטייט זיך שוין ממלא דאס אין דעם יאר
וואר אום ט"ו כסליו שוין רעכט ווינטער אין אונזער לאנד אונ
נאר קאלט זעלבסט גרויסע פרעסט זאווייעס אונ מאטערניצעס
ווייל דאן וואר נאך די מאדע זעלבסט אין אנלאטין אונ גיבאט
תענית צוא פאסטין אונ פשיטא שוין אום ט"ו כסליו וואס יע
פאסטענדער האט גיהאט איינע געוויסע אויסזיכט (שפיקאלא
אויף אגוטע ווארעמע צוא ביא חברה קדישא צוא ביא
איום טוב דיקען אדער אזו ביא זיך אליין, פלעגין צוא ב
דאן אין אַילון אגאנץ קליינער צאל אונ ניפאטע אום ט"ו כסליו
הייסט נאר דיא אביונים וואס האבין ניט גיהאט אגאנץ יאר
צוא עסין ביא טאג אונ מיט וואס אפ צוא פאסטין ביא נא
אונ זעלבסט אויך קיינע האפענונג גיהאט דאס מיזאל זייא בעטין
נאכט צוא איינעם אנדערין אויף אווערעמע, דען וויא מיר וו
בעט מען מער ניט וויא דעם דער וואס האט אין דר היים צו עסן
נון

---

*) איין וועטער האן הייסט איין בלעכענער העגדיל וואס ווי
אויף גישטעלט אויף אברונים אדער פלומפ אונ דרייט זיך
דער ווינט ווייהעט.

**) אונ דאהער בעט מען זיך פורים צוא דער סעודה אי
דעם אנדערין ווייל מעוויים דאס יעדערער האט אין דער
וואס צוא עסין אונ דאס זעלביגע האב איך גיענטפערט א
באלעבאסטע וואס האט זיך גיבייזערט אויף איר דינסט פאר
האט זיא גיקאכט ווערעמע ווייסענדיק דאס זיי אלע זייען גיבעטין

אויף אַ חתונה



...יף וועמען ווירקט נאך אזו די קעלט וויא אויף איין פאסטענדען
אונ בפרט נאך נעגין אווינד דאהער ווארין דאן דיא קראמען
גימאכט גיווארין גאנץ בעצייטין דאס ארום פינף דעם זייגער
...איש גיזעהען אין דיא אלונער אידישע גאסין וויא אפרייטיג
...נאכט, דען אטייל זייען גיגאנגען פון מרחץ, אטייל אן גיטאן
שטריימליך, אין קיילעכריקע היטלען, אנדערע אבישיל מבוסם,
...אביסיל שפעטער איזט גיווען צוא באגעגענען אין יעדער געסיל
...עטער וואס מיהאט אים גישיקט בעטין אפעטר, אחבר אשאבר,
...צעהען דעם זייגער וואר שוין דיא וועלט וויא אוים גישטארבין
...עדערער וואר שוין אויף זיין ארט, אונ מיהאט זיך אין דיא
...אין שטילין זיך גוטליך גיטאן דאס הייסט גיגעסין גיטרונקען
...שריען דער ביא «בלע המות לנצח» איין וואונשווס וואר אוים
...אכין מיט דיא ליפין אבער ניט מיט דעם הארצין, דען ווען
...ט אויף הערין צוא שטארבין, וועט דאך שוין ט"ו כסליו
...קיין יום טוב זיין, נון וועט שוין מער קיין ווערעמע זיין, אונ
...מיר ווייסין שטארבט דאך דער עולם נאך אווערעמע, אונ
נאך נאך אנגלעזיל משקה *) ווי דר שפריכווארט זאגט, עש זייען
גיבליבין

...ה «ווען איר וואלט ניט האבין אין דער היים ווערעמע וואלט
...יך אהין ניט געבעטין».

*) אום צו צייגען דיר מיינע לעזערין וויא ווייט דיא משקה
...ן דעם מענשין מוז איך דיך דער ציילין איין קליין גישיכטיל
...פויערים האבין זיך גיוועט אין אטאפ בראנפין דאס איינר פון
...אפ האקין מיט איין פאך מיט דר האק ביידע פיס פון איינעם
...וואס האט גישלאפין אויף דעם טיש אונ דיא פיס האבין ארוים
...רעט ארוים, אונ אלס דאס איזט גישעהען אונ דער שלאפענדר

גיבליבין פיל מער עגונות פון יענע וואס האבין זיך דער טרונקען
בראנפין אונ אין ביר אלס פון דיא וואס האבין זיך דער טרונקען
וואסער, נאר לאמיר דער פון ניט ריידין, דען מיר זייען שוין
גיוואונט גיווארין צוא הערין אזלכע פאלשע ווינשע, למשל
אבעקער, פון אתבואה הענדלער בעט אויך גאט ווי מיר אלע
ברכה על פני האדמה" אדאקטער בעט אויך אונ זאגט „רפאנו וכו'"
אויך האט זיך מיר כמה מאל גיטראפין צוא הערין וויא איין ארעמאנ
זון זאגט אויף זיינער רייכין אונ קארגין פאטער „גאט זאל אים מ...
ימים זיין" אונ אזו אמאן וואס האט איין עלטערע פרויא זאגט
שארעשטע זאל גיזונד זיין" *).

ולכן) אונ דאהער ווערין צו ליב דיזער נאכט פון פ...
מענטשין חברה לייט אונ ווערין מיט אמאל יום טוב דיקע או...
לאנגאנעריקע

---

פויער האט אן גיהייבין צוא שרייען גיוואלט מיינע פיס, האט
יענער גיענטפערט שווייג מיר האבין אונז גיוואשין אין אטאפ ב...
וועסט אויך טרינקען.

*) איך וואר ביא איין גיוויסין גביר מנחם אבל זיין וואס
דאס גליק גיהאט דס זיינע ביידע עלטערין זייען אים גישטארב...
איין אכטאג, אונ האט זיא גיפאטערט מיט איין שבעה אונ מי...
יאר קדיש ווי איינע גיוויינערין פון אצוויילינג פאטערט מיט
קינפעט דיא גיבורט פון צוויא קינדער, נון וואר פון מיין ד...
אים צו זאגין ביא מיינעם אוועק גיין, וויא איך וויים דאס איר
שוין קיינע עלטערין מער אונ קיינע עלטערע ברידר אונ שוועסטער
ווינצע איך אייך דאס איר זאלט שוין מער קיין שבעה זיצין, איך
עס גיט זאגין האט ער מיר גיענטפערט מיין שארונע זאל
אונ גיזונד זיין איזט פיל עלטער פאר מיר.



...גאנדיקע יום טוב דיקע ווערין יום טוב דיקער פון מינוט צו מינוט,
...ועלבסט גאר איין ווילד פרעמדער וואס איזט גאר ניט שייך צו
...חברה קדישא, אונ האט גאר ניט גימיינט צוא ווערין אחבר אגאנץ
...איזט קאפאוועל אלע יאר אין דיזער נאכט זיך צו לאזין קאסטין
...גרייסט וויא פיל אום צוא ווערין אחברה מאן אונ וויא עס קומט
...טאג גייט אויך שוין איבר דר חשק דען דיזע נאכט האט אין זיך די
...גרויסע סגולה, דיא זעלבינע קראפט צו בעאונרוהיגין אלע גוטע
...ער אונ גיזונטע פיקער וויא דיא בלידונג צייט. פון נערשטען
...אין זיך דיא קראפט אונ דיא סגולה צוא מאבין מוטנע אונ צוא
...אירין אלע טונען ביר. וואס שטייען פערגראבין נאך זייער טיף
...איין, אונ דאס זעלבינע איזט די סבה, דאס דער וויין אירט
...א פעסער זעלבסט דא אין אונזערע לענדר בשעת די טרויביך
...דארט אין ווייטע אינזלען, אדער בעסער צו זאגין דיזע נאכט
...דיא ברונסט צייט (ווערמיא מעצקע) פון אלע אפעטיטליכע
...נס אונ בייזע העלזער אונ רויט נעזלער אונ דאהער איז אויך קיין
...ער דאס אין דיזער נאכט שיקערט זיך אונטער אפט גאר
...דאגר מענטש נאר אבער וואס קומט ארויס פון דיזע קלערעכץ
...בעריגע רייד לאמיר אונז אום קערין צוא אונזער גישיכטע
...ק.

ולכן) אונ אלזוא אין דער נאכט פון ט"ז כסליו וואס וואר אין דעם
...ל וואס חברה קדישא האט דאן גיפירט דיא וועלט ביד רמה
...שטעט אונ פשיטא שוין אין אילון וואס עס וואר דאן אין איר
...ה אויף חברים צוא ווערין וויא עס וואר אין דעם צווייא
...ריסינגסטין יאר אבהלה אויף באלעבעטליך, ווארין דארט אין
...נאכט אלע יום טוב דיקר אונ זייען גיזעסין ביי סעודות אמייל
...יחידעשע אמייל ביא דער חברישע לבד דיא אביונים וואס
האבין

האבין ניט גיהאט אין דער היים וואס אין מויל צוא נעמען אונ ה...
דאהער נעבעך ניט גיפאסט דען זייא האבין קיין כוחות גיהאט
צוא, אונ האבין דאהער גלאט גיפוילט אין דער היים, נון צו...
צוא אזוא ארום צעהען דעם זייגער וואר דאהער שוי...
חברה מאן צוא זעהען, אונ ווער וואר דאן אין דיזער נאכט...
חברה מאן גיוועזן? דאהער וואר דאן זייער שטיל אין די...
אונ וואו ניט וואו האט זיך גיזעהען וויא אביהעלפער שלעפ...
מיט אצווייא טעפיקין מאפ ביר פו... ר' שמואל דאפקעס שיינק
פילייכט איין פערשפעטיקטער שטאט שמש פון אתנאים הא...
יום-טוב דיקערהייט וואס וואר גיבעטין אין פופצין ערטער אונ...
זיך ניט וואו צוא ווענדין, צוא זאל ער בלויז פאלגען דעם ...
אונ זאל גיין נאר אויף דער חברה'שע סעודה, דען דארט וו...
סוטע עסין, צווייטינס האט ער דאך דארט נאך גאר ניט פ...
דען דער רעכטער עולם וועט זיך ערסט צוא זאמען קלייב...
ארום עלפין, דריטינס קען ער נעמען וואש עס בלייבט...
חלק מיט זיך, דען מארגין איזט דאך אויך אטאג, אדער גיין ...
צוא גיין צוא ר' הירשעלע חייקעס, עס וועט דארט אויך ז...
זיך צו שטאפין אונ וועט נאך חאפין פילייכט אכטבע אויך ב...
דען ער וואר אימער זיין שמר חובות שרייבער מיט פינטליך...
קניפליך, היינט האט ער מוידען אשטיק זעקס, ביי וועלכע...
שוין גיהאט מער וויא זעקס תנאים אונ עס איזט נאך נאר...
הייב, אונ אזעלכע ערטער האט ער גיהאט כמה וכמה, נון ו...
צייט ביי אים זייער טייער, דאך ביז עלף וואָרין שוין דיזע...
מענטשן אויך אויף זייער ארט, אונ ארום האלב צוועלף הא...
שוין גיהאט לעבין זיך אויף זייערע טעלער איין גל של עצמו...
הויפ...



...ן ביינער) פון פיש אונ האבין שוין ביי דעם פערטין
...ק בראנפין גיהאלטין.
(בשעה שתים עשרה) ארום צוועלף דעם זייגער וואר שוין
...מענטשין אויף קיין רפואה צוא זעהען אוף דער גאס, דען ווער
...זיך עס פערגינען אפ צוא טרעטין אויף אמינוט פון אטיש וואס
...אשולחן מלכים, אונ דאך וואר צוא הערין זייער שווערע טריט
...דעם בריק פון דיא אילונער אידישע גאסין, אונ דער צוא דיא
...רייא פון אשלעפענדען שווערר וויא עס וואלט גינאנגען עפעס
...ר פון די שווערע רייטער, פון דיא קאראסירער אדער דראגונער
...דאס האט אויך ניט גיקענט זיין, ערסטינס וויא קומט אדראגונער
...שפעט אין דיא אידעשע גאסין ביי נאכט, צווייטינס וואר ער
...דאס ער האט זיך גאר אין אשום אוים ציהען זיך ארין גיקוקט
...ע אין דיא אויבערשטע נארינס, אונ איזט גינאנגען אן גיטאן
לאנגען שווארצין מאנטיל וואס וואר זייער ברייט אונ דער צוא
...ער פאלביסטע, הינטען פון רוקין האבין ביי אים פון
...דיזעם קלייד ארוים גישטארצעט צווייא לאנגע הויקערס,
...זיכט וואר וויא מיט ערד אונ שימעל פערטראגען, אונ דיא
...וואס ער האט גיטראגין אויף זיין גרייז גראעס הויפט וואר
...ן שווארצער פירקאנטיקער זעקיל וויא דיא קוימינקערערס
...נון פאר שטייט זיך פון זעלבסט, אז דאס וואר עפעס מער
...ענטש, נון פאר שטייא איך דאך מיינע טייערע לעזערין דאס
...סט שוין אן הייבין צו לאכין אונ זאגין דאס איך הייב ווידער
...דער ציילין פון דיא אלטע שמאנדרעס אונ פון דיא נאר
...מינע שמאטעס פון די שדים, פון די גייסטער, פון די רוחות,
...ע טייערע לעזערין, איך זאג דיר אונ שווער דיר ביי דער
...ים פון ט"ו בסליו דאס דיזער שרעקליכער נאכט וואנדלער וואר
ניט.

ניט צוואר קיין מענטש דאך קיין שד אויך ניט אונ פשיטא שוין קיין גייסט, נאר דיא ווארהייט גיזאגט פראסט וויא אמיידיל יאטקעווע גאס זאגט ארויס צום ערשטין מאל דעם גיוויסין מקו... איין אייל איבער גיפארבטין סאמעט, דאס דיזער נאכט וואנדלער נאר דער מלאך המות אליין, אדער רוף דיר אים אויף טייטש וויא היינ... וועלט «דער מאדעם אנגעל» דען אין יענע צייטין דאס הייסט איאר ניינציג בעפאר עם וואר נאך ניט דיא מאדע וויא היינט דא... הערשאפטין מישין זיך גאנץ וויניג אין דער ווירטשאפט אונ פאר... זיך נאר אויף דיא הענט פון זייערע הויז לייטע, פלעגט דער המות וואס האט נאך באמת ניט גהאט דאן קיינע רכטע פאדקא... למשל וויא די גישיקטע קובארציקעם *) אדער פון צירולניקעס גימאכטע דאקטורים, פלעגט ער אליין גיין נאר פשוט בעצמו ובכ... מבית לבית, מיט אקלארין צעטיל, אונ פלעגט צוא טייטין אן אשום נשיאות פנים, אונ פלעגט זיך אוים לאכין פון די צ... וואס דיא דעמאלדיקע סארלאטאנעם פלעגין ארין צוא שיקין... אין זיין לאבאראטאריום, אונ אזו אויך פון די קלויזנערשע תאר... דארט אין זיין וועצנע פאלאטע (בית עולם).

דיזע צווייא הויקערם וואס האבין גישטארצעט פון א... זיין מאנטיל ווארין נאר צווייא גרויסע פליגלען, און דער ש... וואר

---

*) דאס איזט גיווים אוים גימאכט וואס דאס עסין איזט... מעהר פשוטער איזט דאס אליץ גיזינטער, אונ וואס איין... איזט מעהר קאמפאזירט (צו זאמען גיזעצט) איזט זיא אליץ שע... אונ דאס איזט וייל פערמישטע שפייזן אויף איין מאל קאנען ני... פערדייהעט ווערין, דאהער ליידען רייכע לייטע אויו... אפעטיט מאנגעל.



...אר פשוט צום קוילין, דען אין יענער צייט וואר נאך ניט אזעלכע ...עלע מאשינעריען אום צוא טייטין נאר פון ווייטין, מיט אבלאז... אויער *) מיט אווינק נאר, ער איזט זיך גינאנגען טריט ביי טריט, ...האט זיך אלע ווילע איין גיקוקט אין זיינעם רייסטער אין וועלכע ...שוב ער דארף ארין גיין אונ עם איזט גיוועזן וואונדער צוא זעהען ...א ער פלעגט ווערין צעהען מאל אין איינער מינוט גרוים אונ קליין ...א דיא פאלשע חניפה אליין, אזוא איזט ער זיך למשל בשעת ער ...ט בעדארפט ארין קריכין צוא אשוסטער וואס איזט אקאצעלאפ... וואוינט אונטין אין אלאך גיווארין קורץ וויא אשפאן, אונ ווען ער ...ט גידארפט ארין קערין צוא איינעם מיטעלען באלעבאם האט ער ...גיוויזען שוין גרוים וויא אמאן, אונ צוא איינעם רייכען וואר ער ...ין אזוא הויך דאס ער האט ניט גיהאט זיין גלייכין, אונ אזוא ...ט ער זיך גינאנגען אליץ מיט אלאד אונ האט זיך בעוויזין צוא ...ערין נאך זיינעם גראד.

ומהיות) אונ וייל דיזע נאכט וואר זייער קאלט אונ פראסטיג, דר... נאך אגרויסע זאווייע, וואר ער העכסט אונ צוא פרידען ...ר צוא נאך וואר ער שוין מעהר אלס דרייא טעג אין פולער ארבייט ...ען, אונ האט נאך גיהאט אפולע פרעשראצעטע וואס ער מוז זייא ... איינעם ביז מארגין פריסטאווען, אויך וואר ער ניט אוים גישלאפין ...עם דען ער וואר געסטערין איין גילאדין צוא איין חנוכת הבית פון ...רויסין בית עולם, קורץ דער פון ער האט גיהאט גינוג אורזאך צו ... דיזין אווינד העכסט ביי אונ אונ צוא פרידין מיט זיין שלוזבע אונ
מיט

---

*) אין טייץ ווערט אן גירופין איין רכילות טרייבער איין ...ערין בלאזער, וייל ער רוימט אין זיינע רכילות דעם אנדערין ...אין דיא אויערין.

מיט זיך זעלבסט, אונ ווינד אונ וויא וואלט שוין יענעם גיוועזן
ווען ער וואלט זיך באגעגנט אין דיזער נאכט, נון צום גליק פון
אילונער איין וואוינער דאס קיינער האט קיין נאז ארויס גישטעקט
אויף דיא גאסין, נאר אין דיא טעלער אונ אין דיא גלעזער, אום צ
טרינקען אונ צוא עסין, וויא מיר האבין פריער גיזאגט דאס עס וו
קיין ילוד איש צוא זעהען.

וכן הלך) אונ אזוא איזט דיזער טויערס ענגעל דורך גינאנגען
עטליכע אידעשע גאסין נאר אן אשום מניעה אונ אן אשום סבה,
האט אזו גאר ניט אן גישפירט דאס דער עולם האט היינט עפעס אי
טוב, דען דיא צעהען פופצין הייזער וואס ער האט היינט ביא נא
בעזוכט ווארין גראד פון יענע ארימע וואס פאכטין שוין ניט פון פ
יאר, אונ האבין אזוא היינט גיט גיפאסט אונ ניט אפ גיפאסט, א
אויך ניט גילאדין גיוועזן אנדערס וואו אונ עס וואר ביא זייא
שטוב גאר קיין שום אומענדערונג וויא אין אלע נאכט, דער צ
וואר צוא גימאכט מיר אונ טויער אונ לאדין דאס עס וואר ניט צ
זעהען אונ ניט צוא הערין וואס עס טוט זיך אין דיא הייזער, זעלבס
דיא אויבערשטע נארינס ווארין צוא ליב דעם ווינטער פאר שטעט
פון איינווייניג מיט לאדין אונ האט עס אלוא ניט אנגישפירט ביז
איזט גיקומען פאר ביא איין הויף וואס זיין צווייטער גארין וו
העכסט בעלויכטין, גאנצע צעהען פענסטער ווארין פול מיט פ
אונ איין גרויסער לארים מיט אשרעקליכין גילעכטער שאלט אר
דורך זייא דארויסין, נון וואר ער זייער נייא געריג צוא וויסין ו
דארט זייען, אונ וואס דאס איזט פאר אשמחה, אונ דאהער ו
קליין ער וואר דא ניט לאנג, דען ער איזט אקערסט ארויס פון אקע
אנאנץ נידעריגער האט ער זיך אויס גיצויגין אונ האט אן גיהו
צוא שטייגין העכער אונ העכער ביז ער האט אריין גיקוקט אין

פענסטער



פענסטער אונ האט דער זעהען וואס ער האט נאך ביז אהער ניט
גיזעהען אונ גיהערט וואס ער האט נאך ביז אהער ניט גיהערט,
ראה) ער האט גיזעהען עס זייען גיזעסין מעהר אלס דרייא
הונדערט מענטשין פון פאר שיידענע קלאסין אלע אן גיטאן נאר יום
טוב דיקע, עס האט דארט גיברענט ליכט וויא שטערין אין הימעל,
די ווענט ווארין אויס גיהאנגין מיט די טייערשטע פרוכטן מיט מפות מיט
טעלער בלעכין מיט קרוינען, אוויילע האט מען גישפילט, דען עס
ווארין דארט אלע כלי זמרים פון שטאט, אונ אויילע האט מען
גיזונגין, דען עס וואר דארט דער חזן מיט דיא העלפער, אונ אויילע
האט מען גיזאגט תורה דען עס ווארין דארט זייער פיל מגידים, דער
...יסער גבאי איזט גיזעסין אויבין אן, דיא אכט לייט ארום אים וויא
...א זיבין וואנדעל שטערין ארום דיא זון, עס וואר דארט גינוג עסין
...טרינקען, אונ דאך האט דער גימיינער עולם דארט גיכאנט
...ערע חקקים וויא דיא בני עלי (מלמד שתבעו חלקם בפיהם) אין
בית המקדש, אונ האבין פאלקעס גאנצע, בולקעס, בוטלקעס בראנפן
...יין גירוקט אין זייערע קעסענעס דם מיהאט מיט רעכט גיקענט
...ף זייא זאגין (וגם שמו בכליהם), אויך האט זיך ביני לביני
איזט אונטער דעם נידריגין עולם הערין צייטנווייס איין בדחן,
האט עס דעם בעל דבר אויס גיוויזין עפעס וויא אחתונה, אונ
...ד ניט וויא אחתונה, ווייל ער האט דארט קיין שום פרויא
...עהען, אונ זינד ער גידיינקט וואר נאך קיין חתונה אן פרויען,
...יין זיין פרעגין האט ניט גיפאסט, אונ ווידער האט ער ניט גיטארט
...ן צוא זיין אומגליק וואר ניט איינער דארט וואר וואס גיצייכינט
...ן זיין צעטיל פאר דיזין אוינר, אונ איזט גיבליבין אזוא ווייטער
...יין אום צוא זעהען וואס ווייטער וועט זיין, פיליכט וועט ער זיך
...ן דיא ווייטערדיקע זאכין שטויסין אויף דיא ווארהייט.

לא

all male festival

comic cf. to Temple times

POINT OF VIEW — THAT OF THE בעל-דבר

לא ארכה העת) עס האט ניט לאנג גידויערט, און מי
נאך די צווייטע גיריכט אריין גיטראגין אין אמה אמת אין תכרי
ר' אברהם עטקעס און איינער האט זיך גישטעלט איבער אים כס
צוא זיין, דיזער הספד איזט בעשטאנען נאר אין די אלטע פערציי
גלייכווערטלאך פון שנאפסערי*) לכשלדאס ער האט קיין מאל
רשעות גירעט אויף קיין שנאפס, און האט אזוא אויך ניט גיווא
ליידין דאס איין אנדערער זאל וואס שלעכטעס דער פון ריידין
דיא שלימסטע שנאפס איזט אייך בעסער פאר דיא בעסטע וואס
און אזוא פלעגט ער מחבב און מנשק זיין קוסין און האלדזען
חולק כבוד זיין יעדע פלאש בראנפין און האט זיא ליב גיהאט
זיינע מוטער ווייל זיין פאטער האט איר האלט גיהאט, און אלם איי
האט אנדר גימאן ניט צוא טרינקען קיין שטארקע משקה שבעולם ה
אים דיזער ר' אברהם עטקעס וואס וואר אגרויסער למדן אין ד
מסכת

*) דיזער ר' אברהם עטקעס וואס האט דאן גילעבט אין א
וואר ווירקליך אגרויסער חריף און אגרויסער למדן און דער צ
אגרויסער וויצלינג, ער וואר אבער אויך אגרויסער שנאפס
פלעגט צוא גיין איבער דיא חדרים פון יונגע לייט תורה זאגין
אשנאפס דר פאר מאכען און האט ווער פר שטייט דאס ניט גישפי
אגרויסע ראלע איין גוט יום טוב ביטען, נון וואר דאס ער אי
אריין גיקומען דעם ערסטין טאג פסח גוט יום טוב ביטען צ
איינם פון דיא אילונער גרעסטע לומדים האט אים גיזאגט אפשעט
און יענער האט אים מכבד גיוועזן מיט אקליין גלעזעלע פסחדי
שנאפס, א זאלט איר מיר גיזונד זיין האט ער זיך צו אים אפ גירו
איר זייט דאך אונזער גרעסטער למדן, און ניט אזו אקליין גלעז
ואס דער מאגין אברהם וויל עס ניט ליידין.



מסכת פורים מתיר געמאכט צוא טרינקען שפירעטעס, ווייל ער האט
אויף גיוויזין צווייא ווירכטיגע טעמים, ערשטינס איזט שפירעטעס על
פי דין נאר קיין משקה נאר אשוויים, און איין בעוויז דער צו דאס
אויף יעדער משקה ווען מיזאל ארויף גיסין בוימיל דארויף וועט
עס שווימען פון אויבין, און ווען מיזאל ארויף גיסין בוימל אויף
אגלעזיל שפירעטעס פאלט עס ארונטער ביז דעם דעק, און דער צוא
נאך ווייל מיר אידין זייען דאך גיגליכין צו בוימיל *) מוזין מיר אויך
אין אגלעזיל שפירטעס אראפ לאזין זיך ביז דעם דעק, און צווייטינס
איזט נאר וואסער אליין אשטארקע משקה אבער ניט בראנפין דען
נאך האט זיך ניט גיטראפין דאס בראנפין אדער אזוא גאר שפירטס
זאל אראפ טראגין אבריק, אוים רייסין אמיל וויא וואסער טוט עס,
און ווידער האט מען צויף אים גיזאגט דאס ער וועט דארט אין יענעם
עולם קיין גיהינום ליידין ווייל (פיאנאהא נע סודיאט) און ווידר האט
מען אים נאך גיזאגט דעם שבח דאס ער האט אימער מקיים גיוועזן
דעם דין דאס אתלמיד חכם טאר ניט גיין אליין ביא נאכט, ווייל ער
וואר קיין מאל אליין נאר זאלבענאנד, און ווייל ער וואר אשטיקיל
אביוואטיל דען איין גיפאלינע רבנים שטיבל אויף דעם בית עולם
האט צו אים גהערט דאס ער שוין גיהאט צווייא נאלקעס, דער סוף
הספד האט זיך גיקאנצעט מיט דיזעם טרויעריגע שלום, מיר לייגין
דא אריין אין דער ערד איין אלמער מיט פלעסליך, פון דאנצקער
בראנפין

*) דער מדרש זאגט אין כמה שטעלן „למה נמשלו ישראל לשמן
מה שמן עולה על כל המשקין כך ישראל עולים על כל אומות הקדמונים" דאס
הייסט ווארום זייען דיא ישראל גיגליכין צו בוימיל, ווייל וויא בוימיל
שווימט איבר אלע משקאות, אזו ווארין דיא ישראל העבער פאר
אלע פערצייטיגע אומות.

בראנפין, פון גאלד וואסער, פון טאפעלענים, ניין נאך מער אנאנצע לידאוונע מיט ביר, נייע און אלטע ביר, נון קלאגט איר שיינקארעס.

און דער עולם האט זיך דער ביי זייער הויה פון איינאנדער גילאכט, וויא מיט אטאג פריהער זיך פון איינאנדער גיוויינט ביי איינעם טרויעריגין הספד, דען ווייניג און לאכין זייען ביי דעם עולם אן שטעקענד, און דער בעל דבר וואס האט דעם ערשטין מאל אין זיינעם לעבין גיזעהען אזוא אשצענע, און דעם ערסטין מאל גיהערט אזוא אפרייליכין הספד, איזט גישטאנען דער ביי וויא אצומישטער, נאך מער וואונדער וואר אים דאס דיזער כת ר' אברהם עטקעס איזט גאר ניט גיוועזען נאך קיין מאל אין זיין צעטיל נוא איזט אים קשה דורך וועמען איזט ער גישטארבין, און האט שוין ברעה גיהאט צוא מאכין דעריבער אנאנצע שלעדסטווא און אן צוא קלאגין זייא וויא פאלשמינצער, וואס ערלויבין זיך נאך צוא מאכין אזעלכע זאכין וואס איינעם אנדערין אלם דיא רעגירונג פערבאטין איזט, און דא דונערט איין גילעכטער נאך דעם אנדערין, אלץ הכער און העכער, און ער איזט אלזוא גישטאנען אין גרויס פאר דרוס ביז ער האט זיך מער אויס גיצויגין און האט אריבער גיקוקט איבער דעם עולם וואס זייען גישטאנען וויא איין קרייז ארום דר מטה איינער איבער דעם אנדערין אום צוא זעהען וואס איזט דארט ווייטער פאר איינע האצעריי, און האט דאן דער זעהען ווירקליך וואס וואונדערליכעם דאס דיזער בעוויינטער און אויף גילעכטער בעקלאגטער טויטער טאנצט אין מיטין אן גיטאן אין אברייטין קאפעלוש וואס זייען אויס גישטעלט אויף אים אטויץ גלעזליך בראנפין, און טאנצט אזוא קונציג דאס ניט איין טראפין גיסט זיך אויס פון זייא, און ביי יעדעם אויס דרייען זיך נעמט ער אראפ אגלעזיל און טרינקט אויס צום פאר גיזונד פון דעם גרויסין גבאי, פון אכט לייט, פון דיא פרנס חדשים, און אזוא ווייטער

און



און ביי יעדעם קער טרינקען מיט דר גאנצער עולם און מיא שרייט «בלע המות לנצח» דאס הייסט דער מלאך המות ווערט שוין אליין זיין גישטארבין אויף אימער, נון פאר שטייט זיך שוין מכלא דאס דיזע גישיכטע האט דעם בעל דבר זייער גיקריינקט, און בפרט וויא מיר האבין שוין דא פריהער גישריבין דאס ער איזט גיוועזען נאך פון פריהער אן גישטויסין און איזט גיווארין דאן אזוא צארניק, דאס ער האט זיך דאן גיחאפט צוא דער סבלע און האט גיוואלט וויא ער איזט גרויס דאן גיוועזען אריין שפרינגען דורך אפענסטער וויא דער פסוק זאגט «כי עלה מות בחלונינו» און האט גיוואלט מאכין דארט אשחיטה נאר אן רחמנות צום גליק האט זיך דער שווערט ניט גילאזט אזוא לייכט ארויס ציהען זיך פון שייד זאל עס זיין וועיל ער האט אים אריין גישטעקט ניט אפגיווישטערהייט אדער גלאט מיהאט עס אים פילייכט פון הימיל ניט דער לאזט.

דיזע קליינע מניעה האט אים גיבראכט צו אגרויסין ישוב הדעת ער האט באלד ארויס גינומען זיין רייסטער אין וועלכין עס וואר גיצייכינט צוא וועלכע מענטשן ער האט היינט נייטיג אריין צוא גיין, און אויב איינער פון דעם שמות האנשים וואס גיפינען זיך ביי אים אין צעטיל איזט דא איצונד אין דיזער שטוב אונטער דיזע קרואים האט ער דאך שוין רשות אריין צוא גיין אין דיזער זאל פראמע דורך דיא טיר נאר ניט גישטמערהייט, און ניט וויא אגנב דורך אפענסטער וויא דער פסוק זאגט «בחלונים יבואו כגנב» און דאן בין איך נור אינווייניג מיט רעכט האט ער ביי זיך גיטראכט וועל איך שוין טאן וואס איך וועל שוין וועלין און ווערדע זייער גוט וויסין צוא בענוצין דעם שפריכווארט «כיון שנתן רשות למשחית אין מבחין בין צדיק לרשע» דאס הייסט ווען דר משחית האט נאר רשות אויף איין עטוואס דא שיידעט ער שוין ניט אונטער דעם גירעכטין פון דעם און גירעכטין

איך

Dik exploits folk beliefs about death not entering a house where a marked person does not lie

איך וועל דארט קיין לעבעדיגין נפש ראזין אויך ווען זייא ווייסין ווי מען מישפט איבר אמלאך המות אונ וויא מען שילט אים, צוא זיינעם אומגליק אבער וואר ניט איינער פון דיא דארטיגע געשטע אין זיינעם צעטיל, אבער ניט איינער זאג איך דיר מיינע טייערע לעזערין, ער האט זיך זיינע אויגין אויסגיבלענדעט לעזינדיק דעם רייסטער פאר דעם שיין פון דער לבנה צעהען מאל פנים ואחור, אונ ווען אפילו אין דעם מארגענדיקין רעכענונג זייען שוין דא עטליכע פון זייא אין זיינעם ליבין רייסטער, אויף דער היינטיגע נאכט אבער ניט איינער, אונ האט זיך דער בייא גיקלעמט וויא איינער וואס האט אלאטערייא צעטיל וואס וואר נאר מיט איין איינציגין נומער ווינציגער פאר דעם נומער וואס האט גיוואונען.

נון איזט בייא אים גיבליבין דאס ער מוז שוין דא אפ ווארטין אונ ניט אוועק גיין פון דאנען ביז איינער וועט ארויס קומען אין נאס דאס ער זאל קענען תאצבי דער גיין פון אים וואס איזט דא פאר אשאברייגע אין דיזער נאכט זעהעט אויס עפעס וויא אחתונה אן חתן כלה, וויא אסיום תורה אן אספר תורה, אונ ווער זייען דיזע לייט וואס שילטין אים אלע ווייל דען דער פזמון «בלע המות לנצח» האט דארט נאר נימי אויף גיהערט, אינ איזט אלזוא גישטאנען דארט לעבין טויער אן גישפארט אויף זיין שווערד אין פראסט אונ אין קעלט דאס עס האבין אים זיינע ציינער גיקלאפט ביז ער האט זיך דער הערט אויף וואס ער האט גיווארט, [דען אשמש איינער וואס האט איבר גיחאפט דיא מאס אין עסין אונ אין טרינקען האט זיך ארויס גיהאפט פון זאל אונ האט זיך גישטעלט לעבין טויער וואסער אפ שלאגין נון וויא מיר ווייסין גיווערט אזוא אנישעפט בייא אזוממובדיקין פיל מעהר אלס בייא איינעם גיכטערין דען ער האט ניט גיוואוסט גאר ווען אויף צוא הערין] אונ איזט זיך אזוא אליין גישטאנען לעבין טויער גיקערט

מיט



מיט דעם פנים צום וואנט · אונ האט זיך אזוא אליין אונטער גיהאצקעט אונ גירעט מיט זיך אליין «אבער אנבאי אנבאי!» אונ באלד דארויף פערבייסין מיט דעם פזמון בלע המות לנצח, אונ דאס איזט באלד דעם בעל דבר אין דיא אויערין אריין, אונ אין איינעם אויגין בליק האט ער אים שוין גיהאלטין פאר דעם ווארעמניק אונ האט אים גיוואלט אויף דער שטעלע שטעכין, באלד אבער האט ער זיך אנדערש בעזאנען «דען וואס מאך איך מיט איינעם» האט ער ביי זיך גיטראכט אונ צווייטינס ניט לייגער זאלין לעבין אלע דיזע שונאים מיינע וואס דיזער וועט שוין קלאוועט נאך אזוא אווצערע וואס ער האט דא איבער גילאדין דעם מאגין אונ אן גיצונדין זיין בלוט מיט די שפירעטעס, איך זעה ניט דאס ער איזט שוין אבן מות דער טויט ליגט אים אויף דעם נאז, דאכט מיר מארגן וועט ער מיט נאך עטליכע פאפאדזן אין מיינער האנד, אונ דריטענס וויל איך פון אים דער גיין וואס זייען עס דא פאר לייט, אונ צוא וואס איזט דא אזוא איום טוב מיט אזעלכע אן שטעלין אונ וואס האבין זייא צוא מיר?

והשמש) אונ דער שמש וואס וואר זייער גוט פערקלאפט אונ וואס האט ווירקליך ניט גיוואוסט ווען אפ צו קערן זיך פון וואנט האט גאר ניט אן גימערקט דער ווילע ווער דער שטייט לעבין אים, אונ האט זיך אלץ אזוא ווייטער גיהאצקעט אונ גישאקילט, אונ גיזאגט אלץ «אבער אנבאי אנבאי! בלע המות לנצח» אונ דאהער אלס דעם בעל דבר וואר די צייט צו לאנג אונ האט זיך ניט גיקענט דער ווארטין ביז דער שמש וועט זיין צוא ענדע מיט זיינער ארבייט דען עס וועט בייא אים גאר קיין ענדע נעמען, איזט ער צו אים צו גיגאנגען ווידער זייער נאהענט אונ האט בייא אים גיפרעגט אפילו זייער גילאסין, וואס איזט דא היינט פאר אסבריינע?, אונ וויא אויך ער האט דיזע שאלה גימאכט זייער פריינדליך האט עס דעם שמש האך באלד אויף דער

שטעלע

שטעלע צוא גימאכט דיא מילה טיריל אונ האט זיך אום גיקערט מיט דעם גיזיכט צוא אים דאך אבער ניט אויס דרך ארץ (רעספעקט) צוא אים נייערט נאר אויס גרויס פאר דרוס אונ בעליידיגונג דען ער האט עס גיהאלטין פאר אגרויסע פאר אכטונג צוא פרעגין אויף דיא נאכט פון ט"ו כסליו וואס פאר אסאברייניע דארט איזט אונ בפרט נאך אין דעם טויער פון דעם הויף וואס דארט איזט דיא גרויסע סעודה אלי'ן, «גאנץ וואויל!» האט זיך דער שמש אפ גירופין אונזערע איילונער אירלאך האלטין שוין ב"ה גאנץ ווייט, אשיינע מעשה, מיוויים שוין ניט אין איר גאר וואס פאר אטאג עס איזט היינט, הא פון וואנען זייט איר פון חאנדריקעווע? אאיר ציא אגוי? אדער צוא זייט איר שיכור אדער צו זייט איר משוגע אדער איר ווילט משוגע מאכין דעם אנדערין, עס איזט איינער פינסטערער מזל וואס איך האלט זיך קוים אויף דיא פיס איך וואלט אייך שוין ארויף גישלעפט אויבין וואלט איר שוין וויסין וואס אזו אשאלה קאסט אונ האט דער בייא עטליכע מאל אויס גישפויגין אונ גיזאגט פאר זיך אונטערין בארד נוא צוא מיינע צרות איז ער וואס איין ארצע מחוצף פנים קען, מיט דער נשמה זאל ער שפילין אבער ניט מיט חברה קדישא, ער זאל מיך שוין בעטין פערשרייבט מען אים שוין קבורת חמור יקבר דאס הייסט מיוועט פערשרייבין זיין נאמען אין פנקס דאס נאך זיין טויט זאל מען אים פערשלעפין וויא מיפערשלעפט איין טויטין אייזעל.

דיזע רייד האט ער אבער גיזאגט מיט גרויס האסט אונ האט זיך דאס הארץ דער בייא אזוא ווייט גירירט דאס עס האט אים אויף גישטויסין אונ האט אן גיהייבין צוא ברעכען, אונ האט אלזוא ארויס געגעבן פון זיך אין איינעם אויגינבליק וואס ער האט גיהאפט דארויף צו פערשלינגען איין רונדעס יאר, אונ אלס עס איזט אים אביסל לייכטער גיווארין האט ער אויס גישווייגט דעסטויל ווידער מיט איין בלע המות

לנצח



לנצח גשריען מיט כוחות ווי איין שצירער באם וואס הערט ניט אויף צו ברומען חאצבי עם האט שוין בייא אים דער הויזין שניריל לאנג גיפלאצט, אונ האט זיך מיט גרויס להכעים איין גיקוקט אין דעם בעל דברים צורה אזוא וויא ער וואלט אים זאגין «אט האסט דוא דיר ט"ו כסליו» אונ דער בעל דבר וואס עם האט זיך אים פארט גיוואלט וויסין וואס פאר איום טוב עס איזט היינט, האט איין גיהאלטין זיין צארין וויא מיגליך איזט אונ האט אן גיהייבין אים ווייטער צוא פארשטין וויא איין גוטער שלעדיוואטיל מיט דער גרעסטע גידולד.

«נעמט ניט פאר אומגוט» האט ער צוא אים גיזאגט איך מיין ניט צוא שפאסין, איך מיין נאר דיא ווארהייט, אונ בעט אייך אלזוא ווידר, זאגט מיר וואס פאר אסוועננטע איזט היינט וואס איר מאכט אזוא אפאראדע דען באמת בין איך שטענדיק אויף דר רייזע, אונ וויים ניט ריכטיג פון דיא היגע מנהגים, אשיינע מעשה, דיא היגע מנהגים? האט זיך דער שמש ווייטער אפ גירופין, ווייזט מיר איין ארט אין דער נאנצער וועלט וואס ט' כסליו איזט ניט איום טוב, קיכט אפילו אונטער דיא הרי חשך, אויף יענער זייט סמבטיון איזט ט"ו כסליו איום טוב, אונ איר מאכט זיך ניט וויסענדיק, נון זייט איר מיר אחכם, אנוייסר חברעניק, אונ איר ווילט מיר דא חויזען, נוא זאלט איר וויסין בולקין נארט מען ניט (מי האט אים דעם שמש גירופין עלינקע בולקע) אונ איך האט זיך אפ גירופין דער בעל דבר שווער אייך בייא אלע טויטע נשמות וואס זייען דורך גינאנגען דורך מיינע הענט דאס איך פרעג אייך אין ערינסט דען איך הער דעם ערסטין מאל אין מיינעם לעבין דעם נאמען פון ט"ו כסליו אונ בין שוין קיין יונגער מאן, דיזע שבועה בייא אלע טויטע נשמות וואס זייען דורך גינאנגען דורך זיין הענט האט דעם שמש אביסיל אויסגיניכטערט, אונ צום צווייטין מאל האט ער אן גיהויבן צו קוקין אויף אים מיט אביסיל

העלערע

העלערע אויגין, אונ אלס ער האט גיזעהען דאס ער זעהט ניט עפעס וויא אלע היגע מענטשין אונ ווייס ניט דער צוא אויך נאך פון דעם הייליגנט"ו כסליו איזט ער גיפאלין אויף איין איינפאל דאס דיזע פערזאן מוז גאר זיין פון דיא בני משה וואס וואוינען גאר אין לוז וואס דארטין שטארבט מען גאר ניט, נון איזט דארט ניט דא א חברה קדישא, איזט ניט דא קיין ט"ו בכסליו, אונ וויא ער האט גידיינט אין דיא מעשה פון דעם יוסף דיא רעריינע גייען דורך לוז דורך אלע נשמות, נון איזט ער גיווים פון דארטין, אונ האט אן גיהייבין בייא אים נאך צו פרעגין צוא שטייט נאך דארט דער פוסטער ניסענבוים, אונ צוא אין משיח צייט וועט מען דארט אויך אן הייבין צוא שטארבין, דען זייער זאגער האט זייא גיזאגט היינטיגין שבת דאס חברה קדישא איזט דיא ערסטע חברה אין דער וועלט אונ וועט אויך בלייבין דיא לעצטע׳

דיזע רייד האט דער בעל דבר גאר ניט פערשטאנען, אונ האט זיך דאהער נאר פראסט צוא אים אפגירופין, העדר צו עלינקע בולקע אט האסט דוא דיר האט זיך דער שמש אפ גירופין צוא זיך אליין הא האב איך אחכם אין קאפ, ער האט זיך ארץ גילייקענט דאס ער איזט פון איין אנדער וועלט נאר, איין ניט היגר, נון לאזט זיך אויס דאס ער ווייס וויא דיא יונגאצעס רופין מיך, נון איז ער נאר איין פלאדר אונ בולקען נארט מען ניט, אוואי, אוועק פון דאנן, ווילסט דו הייב איך אן נאר צוא שרייען באלד אונ דאן וועלין מיינע חברה דיר קיין גאנצין ביין ניט לאזין אונ האט טאקע שוין אן גיהייבין צוא שרייען, הירשקע הארטאן, שמועלקע קארנאץ, יאסקע איננבערר, אין דער זעלביגע מינוט האט דער בעל דבר גימאכט פאר אים אניזיכט ביז צום ערבארימען, זיין צורה איזט גיווארין לאנג אונ שמאל, דר נאז האט זיך אום גידרייט מיט די נאזלעכר ארויף, אונ איזט גיווארין אין איינער מינוט דרייא מאל הויך וויא אריז אונ דרייא מאל קליין

וויא



ווי אקארלוק, נון איזט גיווארין דער שמש דער פון אזו צו שראקין דאס עס האט אים אפ גינומען דער לשון אונ האט שוין קיין קול גיהאט צוא שרייען, אונ דער נאך אלס ער איזט צוא זיך גיקומען האט אים דער בעל דבר אוים גיזאגט ווער ער איזט, דאס הייסט ער איזט דער מוידעם אנגער, אונ ווייס דאהער וויא מ'רופט אים ווייל ער האט שוין אויף דעם צעטיל ארויין צוא קומען צוא אים אין דיזע וואך אונ האט אים באלד דארויף גיוויזין דעם רייסטער, דא האט זיך דער שמש אראפ גילאזין פון דיא פיס, דען איפאס איזט עס אזעלכע צווייא בשורות רעות אויף איין מאל, איינס דאס ער האט דא צוא טאן מיט דעם בעל דבר אליין, אונ צווייטינס דאס ער דארף באלד שטארבין, אונ אלזוא נאך אין עטליכע מינוטין ארום וואלט שוין ניט גיוועזן מיט וועמען אוואורט צוא ריידין, דאהער האט אים דער בעל דבר באלד צוא ריק אפגעפרישט ניט דיא טראפענס פון זיין פלעסלע וואס ער גיט איין אלע גוססע דאס זייא זאלין כח האבין אוים צוא האלטין דיא שרעקענעס פון טויט אונ זאלין ניט שטארבין ביז דיא נשמות וועט זייא ארוים, אונ דאן האט ער אים פאר זיכערט דאס ער וועט אים פון זיינעם ליבין רייסטער אוים מעקין אויב ער וועט נאר קיין נאר זיין אונ וועט אים ענטפערין וויא גיהעריג אונ ריכטיג אויף יעדע שאלה וואס ער וועט אים פרעגין נון פר שטייט זיך וואו עס איזט נוגע דעם לעבין דארט מאכט מען קיינע איבעריגע פוצין, אונ מילאזט זיך ניט איין אויגין בליק מוצען׳

שאל ארוני ואנכי אענך) פרעג מיין העער אונ איך וועל דיר ענטפערין האט זיך נעבעך דר שמש אפ גירופין מיט אצו בראכענעם הארצין, איך וועל דיר אלעס זאגין, אונ וועל פון דיר קיין זאך פאר בארגין, נאר האלט דיין ווארט וואס דוא האסט מיר גינעבין, דאס דוא וועסט מיך לאזין לעבין, דאס איך בין איין ווארטס מאן קענען עם

עס דיר דער ציילין דיא אלטע לייט וויא איך האב מיך בענאנגען אין דער אלטע צייט, אין דיא צייטין פון פעסט, וויא דאן אויך האב איך גיהאלטין מיין ווארט זייער פעסט, ווען איך האב דאן גיגעבין מיין ווארט, דעם האט דיא פעסט ניט אריר טאן גיטארט.

נון זאג מיר האט צוא אים גיזאגט דער טוירעם ענגעל נאך אמאל וואס פאר איום טוב איזט עס דא בייא אייך, היינט האט זיך אפ גירופין דער שמש איזט ט"ו כסליו איין יום טוב דיקער טאג ביי חברה קדישא, גוט ליבער פריינט האט זיך דער בעל דבר צוא אים אפ גירופין זאג זע מיר אבער וואס פאר אחברה איזט עס חברה קדישא און אין וואס בעשטייט דר יום טוב? חברה קדישא בעשטייט אין דעם האט זיך אפ גירופין דער שמש, מקבר צו זיין דיא מתים אויף דעם בית עולם. און וויל דאס איזט בייא אונז אגרויסע מצוה רופט מען עס חברה קדישא און דער טאג ט"ו כסליו איז זייער יום טוב, און ווארום גראד ט"ו כסליו האט ער אים גיפרעגט און ניט אין איין אנדער טאג האט ער אים ווייטער גיפרעגט, ווייל עס שטייט אזוא אין דער תורה האט ער אים גיענטפערט, אין דער תורה? האט זיך יענער אפ גירופין זייער פארוואונדערט און האט דער בייא ארוים גינומען אקליינעם תכריך פון קעסענע און האט אים גיגעבין דאס ער זאל אים אויף מישין און ווייזין וואו דאס שטייט דארט, האט קיין פאר איבל האט זיך דער שמש אפ גירופין איך מוז אייך זאגין דיא ווארהייט דאס איך בין אגרויסער פראסטאק איך קען מער ניט וויא אביסיל דאוונען דארט, און ווייס ווי מאכט מען אברכה איבער בראנפן, איבר שפירעטעס, איבער ביר, איבער טראניק, און אויך איבער אלעקאך און איבער איינגימאכץ און ווייטער ווייס איך גאר ניט, און פון וואנן דען ווייסט דו צו שרייען דעם פסוק «בלע המות לנצח» וואס שטייט אין ישעיה האט אים יענער געפרעגט, דאס

וו יס



ווייס איך אויך ניט פון מיינעם קאפ האט אים דער שמש גיענטפערט און ווייס ניט אפילו וואס דאס בעטייט נאר וויא מיר רוקט זיך זאגט מען עס אום ט"ו כסליו אין קאמט עדהיינו אדער אין שטאט ער בן ברך, דאס הייסט אקליינער קדוש פון ט"ו כסליו, ניסט ברודער האט זיך דער בעל דבר אפ גירופין וויא איך זעהע איין יעל איך פון דיר ניט קענען דער גיין וואס איך דארף, דען דוא ביזט באמת אגרויסער עם הארץ, נון צוא ניט דא דארט אין זאל עפעס גרעסערע לומדים פון דיר וואס זאלין מיר קענען פאקריינימער ענטפערין וואס איך וועל זייא פרעגין, אך עס זייען דא איצט דארט כמעט אלע לומדים פון שטאט האט ער אים גיענטפערט, אונזער רבי אויך, נוא גישווינט רוף מיר אים אראפ וואס צום ניכסטין און דער צייל אים דארט פון קיין מעשה ניט אים און קיין אנדערין און קום דוא אליין אויך ארונטער צוא ריק.

המות דבר ומי לא יעשה) נון פערשטייט זיך ווען דער מלאך המות ניבט ווער איזט עס וואס זאל ניט פאלגין, שנעל וויא אבליץ איזט דער שמש ארויף אין זאל און האט איין גיראכט אין אויער זייער זאנגער גישווינט איינציגר דארף אייך זייער נייטיג האבין און ווארט אויף אייך לעבין טויער, דער זאנגער וואס ווארט בייא זיך אנאנגץ יאר שמאלץ און פשיטא שוין איצונד וואס וואר כמעט דער צווייטער העלד אדער דער משנה למלך פון דיזעם היילינין מאלצייט דאס עס וואר אים גאר ניט דורך צו בלאזין און איזט ניוועז קאפאוועל אוועק צוא בריקען דעם שמש פון זיך וויא איין שטיר אין גיסן בשעת ער זעהט פאר זיך דיא פעלרער בעדעקט מיט גרינעם און פרישעם גראז דאס אוים גרוים שטארץ שטויסט ער און שלאגט ווער נאר צוא אים צוא גייט, האט זיך אפ גירופין צוא דעם שמש, זאג מיר דוא שוטה ווער איזט עס דער חצוף וואס זאל

זיך

זיך אונטער שטיין מיך אראפ צוא רופין אונטין אין דיזעם הייליגין יום טוב וואס איזט ביא מיר טייערער אונ הייליגער כמעט פאר אלע ימים טובים אונ דוא וואס דוא ביזט ניט בעסער פאר אים פאלגסט אים, ניין רבי האט אים דער שמש גיענטפערט, ניין איך בין גאר קיין שוטה פאלגט מיך אונ גייט שוין ארונטער דען עס רופט איינער וואס ער איזט מעהר תקיף פאר דעם גרעססין וואס דא איזט, ער מעג זיין צעהען מאל אתקיף האט אים דער זאגער גיענטפערט עס איזט איין מאל איין יום טוב ביא מיר אונ ווען ער שלעפט זיך אום אין אזו אנאכט איזט ער שוין גלאט קיין לייט ניט, אונ דאך רבי פאלגט מיך אונ גייט ארונטער צוא אים האט דער שמש ווייטער גיזאגט צו אים, איך זאג אייך אויב איר וועט עס ניט טאן וועט איר זייער חרטה האבין דען יענער איזט אגרויסר תקיף, אונ ניט אזוא אייך ווען ער וואלט אפילו הייסין דעם גרויסין גבאי אליין ארונטער קומען וואלט ער אויך דאראזע ארונטער, נוא ווען אזו האט זיך דער זאגער אפ גירופין אט זעצע היך דא אויף מיין ארט דאס קיין אנדערער זאל אים ניט פאר נעמען אונ וועל ארונטער גיין אונ בין אבאלין צוא זעהען ווער דיין תקיף איזט דארט, גיין ליבער רבי האט אים דער שמש גיענטפערט איך מוז ארונטער גיין מיט אייך צוא זאמען, אונ איר וועט גאט דאנקען דאס איר וועט קענען קוקין אויף עסין נאך דיזין זעהען זיך מיט יענעם צייט איר וועט לעבין, דוא ביזט דאך עפעס גאר אנאר האט זיך דער זאגער אפ גירופין אונ אפשר גאר משוגע וואס הער איך יענעם וואס ער וועט מיך אין קאשע אויף עסין.

וכן ירדו שניהם) נון זייען זייא ביידע ארונטער אונ האבין דעם בעל דבר דער וויסט אין דער זעלביגע גישטאלט וויא ער ווייזט זיך פאר דעם גוססין בשעת יציאת נשמה, מיט זיינע טויזענדע אויגין

און



און מיט זיינע ווינטיקע פליגלען גישטיצט אויף זיין שווערד וואס טריפט פון דיא דרייערלייא ביטערע נאלין, קורץ דער פון ער האט זיך גיצייגט פאר זייא אין דעם נייעם אונ־פארעם וואס עס האבין דא ניט לאנג גישיינקט אונזערע נייע וואלינער בעלי מקובלים. אונ אויס גיצירט מיט די נייע הערבין מיט וועלכע עס האבין אים פאזאלעוועט דיא דארטיגע רעבייאים, קורץ דער פון עס וואלט אים זעלבסט איין פראסטער גולמשער דער קענען דאס ער איזט דער בעל דבר אונ פשיטא שוין דער זאגער וואס וואר שוין גינוג פערשלומפערט אין דער נייע וואלינער קבלה, אונ האט שיר בקומען דעם דורכפאל פון שרעק, קיין בייז האט זיך דער בעל דבר צוא אים אפ גירופין גלייבער דאס איר זייט גיקומען צוא מיר אלם איך צוא אייך, איך האב מיר אייך גיצייגט אין דיזער שרעקליכע תמונה אום דאס איר זאלט אויף דער שטעלע וויסין מיט וועמען איר האט דא צוא טאן אונ ענטפערין דיא ווארהייט אונ אויפריכטיקייט אויף יעדע שאלה וואס איך וועל אייך פרעגין אונ דאן קענט איר אייך אום קערין צום טיש ווייטער עסין.

און ווארום האט דער הער גראדע מיך ארויס גירופין פון אזוא אגרויסין עולם האט אים דער זאגער גיפרעגט מיט שוידערין, ווייל איר זייט ווי דער שמש זאגט דר גרעסטער למדן אונטער אלעמען אונ זאגט דאס איר ווייסט אליץ האט ער אים גיענטפערט, נון זאלט איר מיר גרונטליך זאגין וואס איזט עס פר איום טוב ט"ו בסליו, פון דיזעם פראסטאק ווייזינדיק אויף דעם שמש האב איך ניט גיקענט דער גיין ניט אוווארט, ט"ו בסליו האט זיך אפ גירופין דר זאגר איזט איום טוב נאר ביא חברה קדישא, אונ אויף וואס איזט גינרינדעט (נתיסד) דיזע חברה האט אים יענער גיפרעגט אן קוקינדיק זייער ביסטרע מיט זיינע טויזענדע אויגין וויא איין שטרייגער שלעדעוואטיל, דיזע חברה

האט

חסידות = די נייע וואלינער קבלה

האט אים דער זאגער גיענטפערט איזט נתיסד גיווארין נאר אום צו
באגראבין די געשטארבענע אויף דעם בית עולם, אונ מער ניט האט
אים יענער ווייטר גיפרעגט, מער ניט האט אים דר זאגער געענטפערט,
נוא ווען אזוא ווארום רופט מען עס מיט אזוא אפערגעטערטין נאמען
חברה קדישא, ווייל קבורת מתים איזט ביי אונז אגרויסע מצוה האט
אים דער זאגער גיענטפערט אזוא גרויס דאס דער דין איזט דאס מ
איזט מבטל זעלבסט תלמוד תורה צוא ליב קבורת המת, נון ווען אז
האט זיך דער בעל דבר אפ גירופין ווארום האט מען דיזע חברה ניט
גירופין מיט דיזעם געטליכין נאמען חברה קדישא אויך פר צייטין, ניין
מיין ליבער הער האט זיך דער זאגער אפ גירופין צייט דיא חברה איזט
חברה רופט מען איר אליך אזוא חברה קדישא דאס מיר קענען זאגין
מיט רעכט דאס דיזער נאמען איזט איר גיגעבין גווארין מסיני
א ווען איר זאגט אזוא האט זיך דער בעל דבר אפ גירופין זעהע איך
שוין גוט איין דאס איך האב גימאכט אגאנץ קנאפין בייט מיט אייך אויף
דיזעם עם הארץ (ווייזינדיק אויף דעם שמש) דען איר זייט דוכט מיך
אזו אפראסטאק באלד ווי ער, ערסטינס וויא ווייסט איר ניט דאס אין
דר מסכת מועד קטן דף כ״ז רופט עס אז די גמרא גאר מיט דעם נאמען
(חבר עיר) דאס הייסט פר טייצט וויא מירעט דא ביי אייך מיעסטענע
סאבריינע, אונ צווייטינס ווייסט איר גיט דאס דיזע חברה וואר נאך
פאר מתן תורה, אויף דעם בארג סיני, זיא וואר נאך אזוא גאר
פאר קריעת ים סוף, אונ איין בעוויז איזט פון דעם פסוק הים ראה
וינוס וואס דיא גמרא זאגט דארויף, דר ים איזט אנטלאפין נאר
צוא ליב דעם ארון פון יוסף וואס ער האט דער זעהען טראגינדיק, נון
איזט דער פון דער מיין דאס ער האט זיך דער שראקין פאר דיא חברה
קדישא וואס זייען מיט אים גיגאנגען ווייל זייא קענען אים אין
גאנצין אויס טרינקען, אונ דריטינס וואלט רעכט גיוועזן צוא רופין



THE FAR-FETCHED PROOFTEXTS



זייא חברה קדישא ווען זייא וואלטין טאן דיא מצוה אומזיסט, אונ
ווי איך ווייס ווערין זיי גיצאלט פר יעדין טריט מיט שווערן געלד ווי
מיר דוכט צאלט מען אייך אפילו פר די לויה, מיילע פטור נאר ניסט
לאמיר שוין דיזע שווערע שאלה אוועק לייגין דען וויא איך זעה
שוין איין ווייסט איר דאס ניט נאך פיל ווייניגער אלם דיזער עלינקע
בולקע, נון זאגט זע מיר דיא אנדערע שאלה צו וואס איזט דיזער
יום טוב, איך וועל אייך ניט לייקענען האט זיך אפ גירופין דר זאגר,
דיזער יום טוב מוז בוודאי זיין מרומז ערגעץ אין אמדרש אדער אין
* גמרא דר מנהג ישראל תורה, אונ קלאר זאגין וואו דאס שטייט ווייס
איך ניט, ווייל איך בין מער ניט ווי איין פסוק זאגר, אונ ווייטרדיקע
ספרים אונ זייטיגע ענינים ווייס איך ניט, נאר די היינטיקע זאגין דאס
דיזער יום טוב איזט נאר א תיקון החברה, אונ וויא איך האב אמאל
גיהערט פון אגאנץ אלטין קליינעם נבאי ליגט אין דיזעם יום טוב אויך
טיפע ענינים, נון הייסט עס דארויף אויך קיין תשובה דא. אט זאגט
זעה מיר צום ווייניגסטין פר וואס האט מען קובע גיוועזן דיזין יום טוב
נאך דווקא אויף ט״ו בכסליו האט אים דער בעל דבר ווייטער גפרעגט,
יוא דאס ווייס איך האט ער אים גיענטפערט ווייל אין דעם טאג פון
דיזעם יום טוב ווערט גיפאסט, האט מען דאהער אויס גיקליבין
דעם ט״ו בכסליו ווייל דיזער טאג קומט קיין מאל ניט אויס אום שבת,
נוא ווען נאר צו ליב דעם אליין האט ער אים ווייטער גיפרעגט זייען
נאך דא נאך פיל אנדערע טעג אין יאר וואס קומען קיין מאל ניט אויס
אום שבת, למשל וויא דער אכצעהענטער תמוז בלייבט דאך אליך דיא
קשיא ווארום מאכט איר אייער יום טוב דווקא אין ט״ו בכסליו, נון ליבר
הער האט זיך דער זאגער אפ גירופין איר טרייבט מיך אזוא ווייס אין
דער איינגע דאס איך בין גיצוואונגען שוין אייך צו ענטפערין דארויף
צוויא תרוצים וואס איך האב אמאל גיהערט פון דיא ווייסע חברה



why this date?

דאריבער אונ האב עס גיהאלטין פאר איינע הוילע אפיקורסעס , או[ך]
זייא זאגין דאס דאריבער האט מען אויס גיקליבין נאר דעם ט"ו בשבט
נאר אויס צווייא טעמים , ערסטינס וויל אין דיזער יום טוב ווערט
גיפאסט בייא טאג האט מען אויס גיקליבין דעם קלענסטין טאג וואס
זאל ניט אויס קומען אום שבת , אונ צווייטינס זאגין זייא וויל אין דעם
חודש זייען זייער מצווי גענעזלאך , אונ זייען אויך צוא גלייך דא
אין בטעמסטען .

זעהסט דוא האט זיך דער בעל דבר אפ גירופין דאס גראד
גיפעלט מיר , דאס רוף איך דברים של טעם , דאס הייסט גיענטפערט
מיט אזין , אונ איך האלט עס אויך ניט פאר איין אפיקורסעס אזו גאר
דען מיר גיפינען דאך דאס די חכמים זאגין דאס מי מאכט אמאל איין
עבור אין איאר וואס דיא ציגין אונ שעפסין פערשפעטיגין זיך אין אי[ר]
מיט זייער גיבורט, דאמיט מיזאל האבין גינוג שאף צוא דער צייט
פון קרבן פסח // נון לאמיר עס אוועק לייגין אונ וועל בייא איך פרעגין
וואו נעמט מען געלט אויף דיזעם יום טוב , ער מוז דאך קאסטין כמה
אלפים , א וואלט טאקע אימער אזו פעלין געלט אין צדקה גדולה
אין תלמוד תורה , ווי עס פעלט געלט אין חברה קדישא האט ער איין
גיענטפערט מיט שטאלץ , ניסט קשה מי בערייסט גינוג דעם עולם
וואס איזט מי מאכט ניט נאר איין וועצערע מי מאכט נאך דער נאך
אבארשץ , איין פריסעודקע פאר אכט לייט אליין אונ היינט אנאנ[דער]
יאר אויך איזט מען ניט זעדנע , בראנפין גייט אוועק וויא וואסער
עס איז אקאסט .

אם כן) ווען אזוא זייט איר דאך העכסט אומגירעכט וואס אי[ר]
שילט מיך האט זיך דר בעל דבר צו אים אפ גירופין , וואס מיר שילט
איך האט ער אים גיענטפערט גראדע פערקערט , איך גידיינק בשעת

איך

THEIR VESTED INTEREST IN DEATH



איך בין גיוועזן נאך אקינד האט זיך אן גיהייבין צו הערין דאס משיח
ניט , האט דאן בייא חברה קדישא זייער גוט גיציטערט דר פופיק דען
זייא מי זאגט וועט דאך באלד זיין תחית המתים , אונ די וואס לעבן
נאך וועלין אויף הערין צוא שטארבין האט מען דאן גיזעצט חברה ,
אכט לייט, מי שהיה גבאים , אונ דר צו נאך די נאמנים אונ עס איזט
בייא זייא גיבליבין עס מעג קומען צעהען מאל משיח אונ שטארבין
וועלין זייא פארט ניט לאזין אויף הערין ווייל דאס איזט שוין איין מנהג
קדמון אונ חברה וועט בלייבין חברה אונ דאך האב איך דאך גיהערט
מיט מיינע אייגענע אויערין האט זיך דער בעל דבר אפ גירופין וויא
אייער גאנצע סאבריינע האבין גישריען בלע המות לנצח כמה וכמה
מאל נון האט ער אים גיענטפערט דאס איזט נאר ניט קיין קללה דאס
איזט נאר אונזער אורא דען דער טייץ דער פון איזט דאס דער טויט
פערדארבט אויף אימער אונ אייביג נון זייען מיר זיכער דאס דיא
מתים וועלין שוין ניט קומען צוא ריק בעטין דיא קבורה געלט .

superb!

א ווען איר לערינט אזעלכע פשטים אין גאנץ תנך האט זיך
דער בעל דבר צוא אים אפ גירופין פערשטייט איר דאך אלזוא ניט אין
איין פסוק דעם וואהרין פשט נון איזט מיר אוואונדער וויא אזוא איר
נעמט זיך אן צוא זיין אזאגער אין אזו אגרויסע חברה , ערסטינס איזט
[...]ט אונ דרוש איז גאר צווייא זאכין האט אים דער זאגער גיענטפערט
[...] איך זאג נאר דרוש פר דם עולם , אונ צווייטינס זייען די ווערטער
[בלע] המות לנצח נאר קיין פסוק נאר אשטיקיל פיוט פון דיא ט"ו
סליודיקע סליחות , אונ פיוט ווייל ניט אלע פערשטייען קען מען
[...]צין ווי מי וויל , אט איזט מיר דיין למדן האט דער בעל דבר זיך
[אפ] גירופין לאכינדיק צוא דעם שמש ער וויס אפילו ניט דאס דיא
[ווער]טער בלע המות לנצח איז אפסוק אין ישעיה , אין דם קאפיטל
כ"ה , נון איזט מיר שוין גלייכער צוא ריידין מיט דיר , דען למדים

זייט איר כמעט גלייכע, און קלינער ביזט דוא פאר אים און אלז
קען זיך דיזער מלמד אום קערין אויף זיין ארט צו ריק אום זיך ווייט
צוא שטאפין און דוא בלייב דא:

נון איזט דר זאגר ארויף צו ריק אטויטע בשעפעניש אן אלש
און דער שמש איזט ניבליבן אונטין נאך אלאנגע צייט ביז דע
בעל דבר האט ביי אים אויס גיפארשט יעדער זאך וואס ער האט נ
גיוואלט וויסין אזו האט ער ביי אים אויס גיפרעגט די אפדזירסט
וואס עס טוט זיך ביא דער קבורה געלט, דעם טארג אין טה
שטוב וואס איזט ביא דר הלבשה, און ווייטער דיא רייסעריא פ
די פרומע ווייבער פון די קברות לייט וואס זיי ברייסין דעם א
דארט אויף דעם בית עולם דאס עס קומט אן די קבורה באלד פ
שווערער אלס דיא חתונה, און היינט ווען ביידע חלילה איזט איי
נאך דאס אנדערע איזט גאר בדלות צוא ווערין און היינט וואס ע
טוט זיך דארט מיט דיא אויס טיילונג פון דיא ערטער אויף דעם בי
עולם דאס דער פאלשער כבוד טרעט ניט אפ ביז דעם לעצטין רי
ערד, און וויא אויך מי בעצאלט פאר יעדער זאך דארט מיט שווע
געלד פון דעסט ווענן גייט עס אלץ צוא דארט נאר טאנדעט און א
זייער נאהאלנע וואס דורך דעם איזט אים (דעם בעל דבר) שוין רע
גיווארין וואו עס זייען אהין גיקומען יענע מענטשין וואס ער הא
זייא אויף זיין צעטיל מעהר אלס הונדערט יאר, און קען זייא א
ניט אויף זוכין, קורץ דער פון ער האט פון אים אזוא פיל זאכין או
גיפילצט וואס עס וואלט דארפין פר נעמען כמה בויגין אום עס א
ריכטיג צוא בעשרייבן, און וואס ווארען גאנץ גינוג זיין צארין א
צינדרין דאס ער האט זיך שוין ניט גיקענט איין האלטין, און ה
גיזאגט צוא דעם שמש גייא און זאג אן דיינע גבאים דאס אס
וועלין



וועלין זייא האבין ווייטער אבער קיין פר מינן ניט אפיציל סיידין
זייא וועלין לעבעדיקע בעגראבין.

וכדברו את זאת) און וויא ער האט דיזעס אויס גירעט האט ער
אפאץ גיטאן מיט דיא פליגלען און איזט אלזוא מיט צווייא אדער
פאכען ארויף אין הימעל און האט דארט געלאזין מאכין אגרויסע
סיאן אונטער וועלכע דער מלאך דומה וואר דער פרעזעדענט,
אלס אלע צלענעם ווארין שוין דארט ביא זאמען האט ער צוא
שראטין צום טיש און האט ארויף גיווארפין אויף אים זיין שווערד
איך וויל שוין מער ניט דינען האט ער גיזאגט צו זייא מיט איינער
צוא פרידענע מינע, גינוג עס איזט שוין ניט צום אויס האלטין,
האט זיך אונטין גימאכט אחברה וואס האבין זיך אנאמען גיגעבין
קדישא וואס האבן זיך גימאכט פון מיין פראפעסע גאר אפרנסה
שטערין מיך דורך דעם אין מיינע ארבייט דאס איך מוז זיך
היינטיגע צייטין ארום איין קראנקין מעהר אלס אין יענע
אום צעהען קראנקע דען זייא פלעגין זיך גאר ניט אזוא פיל
מיט מיר וויא היינט, אויך פלעגין דיא קרובים אויך ניט מאכין
פיל לארעם וויא איצונד און דאס איזט אלץ ווייל דיזע חברה
אן גיהייבין צו נעמען גרויסע קבורה געלטין, און צו בערייסין
יורשים גאר אן אשיעור און בדלות ווערין דורך דעם שטארבין
קיינער ניט, דער צוא נאך מאכין זייא סעודקעס און סעודות,
און פרעסין פאר דיזע געלט און זייען אזוא ווייט נאך און
שעמט דאס זייא שילטין מיך מיט די ווערטער בלע המות לנצח
האט אלזוא דער ציילט דער ביא זייערע איבעריגע חפצות מיט
פערדרום און מיט גרויס לארעם.

אזו אגירעכטע טענה און צוא גלייך אזו אשרעקליכע נאכריכט
דעם בעזפאראדיק וואס עס טוט זיך דא אונטין האבין די צלענעם
פון

פון דיזער סעסיאן נאך ניט גיהערט צייט זייא זיינען ריכטער גיוואר
דארט אין דעם עלמא דקשוט, אונ האבין זיך אלאנגע צייט אן גיקו
זייער ביסטרע אונ שטום וייל זייא האבין אים ווירקליך ניט גיהא
וואס צוא ענטפערין אונ מיהאט אלזוא גישוויגין אונ גישוויגין
דער פרעזידענט האט אן גיהייבין צו שושקענען זיך מיט די איבערי
מיט גלידער (צלענעם) פון סעסיאן האט זיך גישושקעט גישושק
אלאנגע צייט אונ האט זיך דער נאך אפ גירופין צוא דעם בעל ד
אזוא, דאס דוא האסט רעכט איזט עם נאך מעהר אלס גיוויס
דאס חברה קדישא זייען ווערט פר זייער פרומען רויב אלע פסק
אין דער וועלט איזט עס אויך גיוויס. דאך מיר הימעלשע מעכ
מעכטיגע איינגעלין טארין אונז ניט ארײן מישין אין דיא ערדע
רעכטע, מיר טארין דעם מענשין ניט אפ האלטין מיט גיוואלט
פין שלעכץ אונ ווידער ניט צווינגען צו טאן גוטעס, דער מענש
אונ אימער אונ אייביג זיין איין בעל בחירה נון קענען מיר אלזו ח
קדישא גאר ניט אוים בעסערין דאך דיר קענען מיר פערגיטען
דיינעם בעליבען, נון בעדיינקע דיך וואס אוים צוא בעטין פון
אונ דאס זאל דיר באלד גישעהען, מיר גיבין דיר דרייא טעג בעד
צייט, נאר דער ווייליע גייא שוין צוא דער ארבייט דיינע, דען
מעהר גיווארט, מעהר גינארט, עס וועט זיך דיר אנהייבין אזוא
פין ארבייט, דאס עס וועט דיר ווייניג זיין דיא גאנצע פיר אונ צוואנ
שטונדין אין מעת לעת ׃

דיזע תשובה וואר אים אבער ניט נאך זיינעם וואונש וייל י
גיקריוודזעטין וייל זיך חוץ איינע פערגיטיגונג נאך אשטיקיל נ
נקמה אויך. אונ דאהער האט ער דיא גאנצע דרייא טעג אלץ גיקלערט
בו פערלאנגען אזו איינע פארגיטיגונג וואס זאל אין זיך האבין אויך א
בעשטראפונג פאר דיזע פיינדליכע חברה אונ האט אלזוא וואס קל

**אוים**



אוים גידיינקט אונ איזט אלזוא גיקומען דער מיט אויף דעם דריטין
טאג אין דער בעשטימטע שטונדע פר דעם פאריגין סעסיאן אינ אלס
מיהאט אים דארט גיפרעגט וואס האט ער זיך בעדיינקט הט ער
גיענטפערט אזו, ליבע הערען ווען איר ווילט ווירקליך דס איך
זאל ביי מיינע פאריגע סלוזבע טריי אונ ערליך בלייבן, פערלאנג איך פון
איך נאר איינע פערלייכטערונג. אין דיזעם שווערין דינסט מיינעם
איינע פערלייכטערונג וואס עס וועט צוא דעם גרונט עסק ניט שאדין
אונ מיר וועט עס זיין אגרויסע לינדערונג, זייט וויסין מיינע הערין
דאס איך בין שוין ניט מעהר יונג, איך האב שוין אלזוא קיינע כוחות
צוא לייפין צוא יעדערין בעזונדער אונ בפרט נאך צו דם ארכן פאק
וואס וואונען אין דיא קעלערלאך אויף דיא בוידימער אין ! יא פאר
שטעטליך אונ בפרט נאך צו יאגין זיך נאך די שנארער וואו זי האבין
קיינע פאסטיאנע זיטעלסטווא ניט, דאס איך מוז אן ווערין די כוחות
ביז איך זוך זייא אויף, נון וואלט איך מיר גיוואונצין דאס דיזע חברה
וואס רופט זיך קדישא אונ וואס האבין גינוג געלט אויף צוא שוועכין
אונ צו פיקין דאס זייא זאלין אויף זייערע הוצאות אוים בויען אהויז
אין וועלכעם זייא זאלין צוא זאמען ברייננען אלע דיזע ארימע קראנקע
אונ דאן וועט מיר זיין פאר שפארט דורך דעם אשטיק ארבייט, דען
איך וועל מיך אהין ארײן חאפין איין מאל אין טאג פאטערע איך שוין
דער מיט פופצין אדער צוואנציג אנדערע גאנגען, אונ מער וויא דאס
פערלאנג איך ניט.

הבקשה הזאת) דיזע בקשה איזט העכסט גיפעלין גיווארין אלע
צלענעם, דען ער האט באמת זייער שלוסנע גירעט אונ ... ם האט ניט
גידויערט קיינע צעהען מינוטין אונ מיהאט אראפ גישיקט אקאנווערט
פערזיגלט מיט דעם פעצאט פון דעם הימילשען סאוועט צוא דיא
גרויסע גבאים פון חברה קדישא דאס זייא זאלין אויף זייערע איינינע

**כ אסטי ן**

ELEGANT
ARISTOCRATIC
DOCTORS
BECOME THE
BAL-DOVER'S
EMISSARIES



קאסטין איס שטרויען אקראנקען הויז, און קיין אקאז איז נאך ני
און הייכטיג איספעלנעט גיווארין ווי דיזער, דען אשפאס איש עס אי
בעפעל פון אזא אייגעם הויבין ארט.

ויקומו או) עס האבין זיך דאן אויף גימאכט דיא גרויסע נבאי
און האבין עס איהם גיבויט און האבין עס אנאמן גיגעבין הקדש ווי
חברה קדישא האט איהם איס גיבויט, זייא האבין איהם דאן גיבויט נא
לויט דעם אוקאז דאס הייסט דאס דער תכלית פון דיזעם בנין וואס
גימאכט מעהר צוא זיין איין ארט וואו צוא שטארבין אלס צו היילין
דאהער איזט גיבליבין דיזעם הויז געלבסט ביז היינט טאג דאס
תכלית איזט שוין היינט גראדע נאר אומגיקערט דאס הייסט מעה
צום היילין אלס צום שטארבין איזט גיבליבין פאר איין משל, דאס
ווירט יעדין אונציכטיגין האנדלונג מיט דעם נאמען הקדש, ער האט
דאן אפילו גיבויט מיט פילע צימערן און מיט גרויסע הוצאות ער וואו
אבער זייער אונציכטיג. אנגיין אהנע רעכטע בעדינונג און פרמאצע
צירולניקעס און אן השגחה. דיא איין טייערעס שטערבע הויז וואס
האט דאן ווירקליך ערפילט ביידע אבזיכטען פון דעם בעל דבר, דא
דאס הייסט איהם אים פיל ארבייט צו פערשפארין און חברה קדישא
בדלות ציא שטעלין.

ויהי בכלותם לבנותו וירד מלאך המות לראותו) און עס וואר אלס
מיהאט שוין דיזין בנין פארטיג גימאכט. איזט דער בעל דבר איינגעט
מיט זיינער גאנצין סוויטע עס צו בזעהן און האט אלזו איינגיקוואטירט
דארט אין יעדין צימער בעזונדר איינעם פון זיינע אמאבינע פארוצענס
אזוא האט ער למשל אין איין זאל אריין גיזעצט דיא הייץ קראנקהייט
אין דעם אנדערין דעם טיפוס, אין דעם דריטין דיא וואסערזוכט און
אזוא ווייטער דאך נאר דאס גאנצע הויז דאן וויא די וועלט פאר ארט
הראשונדאס ויא האט ניט גידייהט ווייל קיין מענטש וואר נאך דאן ניט
ווער



ער עס זאל איך גיהערט בעארבייטין און איא האבין זאך דארט
[illegible] אפאר דיסטילנע וואס זאלין דארט ארגעניזירט ווערין שאפטין
ך דעם רצון פון דעם בעל דבר און דאס האט שוין דארט אויך גימ
גיפעלט, דען קיין איינער בעל דבר איינס פון דעם שמארעגין
האבין איהם אבער גינומען ביא דעם מינוי צייא סקרעטע
גישאי אין [illegible] וואס דארין בעליינס מיט
זיינער און מאכט. אויף דעם קאס לאנג דויבע פערקין שרעקליך
דיא זייטן, און דיא [illegible] דיא אייבט
האבין זיך אלזא אלע ביידע דיינער מיט פאר [illegible] זיך פר איהם,
עדיגער דער האבין זייא צוא איהם גיזאגט ארצנד דיא דוא ביזט
ארין אין דעכטער אפיציאל ביא אונז אין שפיטל, בעטין מיר
איז אייגע שטעלע צוא האבין ביא דיר אין דיזעם הויז, און דיער
איך האט ער זייא גיגעבען (דאס אנגעבויט מעולם) מיר
דאקטורים דיינע אייגענע פריינדע דער האבין וויא איהם גיענטפערט
איהם דיא מיר האבין זיך גיהאלפן ביא דעם ר' אייגענע גיפילם
דעם ר' שפיטיל [illegible] און נאך אזא אין גמה גרעסער וואס
וואלסט וויא גיווים אלין זיך ביא גיקומען פאר קיין אופן, א [illegible]
גידיינק אויך האט ער זיך אס גיוויזין וויא איר קענט מיר דא
גוט צוא גיין קומען דאך אבער זייט איר גרויסע שהיות מאכר
דא חעט זיין ארבייט אויפערן [illegible] דא דארף מען זיך צו פיל
גיאנקעדען מיט אמענשען קורץ [illegible] פון ער האט וויא אן גינומען
האט זייא גוט קלאר גימאכט וויא זיי דארפין זיך דארט אויף פירין
לאנגע צייטן האט דיזעם הויז עקסעסטירט ליידער, נאך
דיזעם מרדעריגין צוועק (תכלית) און מיהאט זיך אלין גיהאלפין
נגע רעגעלין (כללים) וואס דער בעל דבר האט גיגעבין דאן יענע
ע דאקטורים, ביז אין אונזערע נייערע צייטן וואס מיר האבין
שוין

3ЛЕК 1571.

דער

# ערסטער נאבאר

וואס וואר אין דעם יאר תקפ"ח (1828)

מאת אמ"ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ב לפ"ק

ДЕРЪ ЭРСТЕРЪ НАБОРЪ

Первый наборъ съ евреевъ 1828 года.

Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328

1871.



שוין דער לע־ט צוא האבין שפיטעלער נאר צום גיזונט ווערין, א
אחברה קדישא וואס פירט זיך שוין אויף פיל בעסער אונ לייטעש
אלס דיא פארצייטיגע דאס געלט ווערט אן גיווענדעט צו אבעסע
צוועק (תכלית) אלס אויף סעודות אונ פריסעודקעס, אונ אזוא ני
עס אויף דעם בית עולם אויך מיט מעהר ארדנונג צו, דאס מיר זעה
מיט אונזערע אויגין דיא ווארהייט פון דעם אלטין שפריכווא
אנדערע צייטין, אנדערע לייטין.

ובכ״ אלה) אונ דאך שאדעט עס ניט צו וויסין וויא עס הא
זיך א מאל פאסירט אונ גיפירט, דאמיט דער נייער דור זאל ניט בעג
די זעלבי דומהייט וואס ווער דאן, אונ דאהער האב איך עס בעשרי
אין אזא ניער זאטירע (לאכענדע מליצה), איך גלויבע אונ האפע, ד
יעדער לעזער אונ לעזערין וואלט דר ביי נאר איין פאר גיניגין גינ
אונ ניט איינעם וועט פערדריסין, וואס איך האב דא קריטיקירט, א
דער ציילט אזוא אגישיכטע וואס האט קיין מאל פאסירט, דען א
אונזער אראפע בענוצט מען זיך נאר מיט אזעלכע שריפטין, אום א
צוא בעסערין דיא זיטין, ווייל דיא קריטיק ווירקט פיל מעהר אלס
מוסר (טרוקענע מוסר), דאהער איזט ניט גינוג פר אונז די שטריי
אזהרות פון דער תורה אדער פון שכל, נייערט דיא זינדע מוז נאך א
פערלאכט ווערין, אונ דאהער שפאטין אונזערע נביאים אין זיי
ספרים פון דעם ענין פון עבודת כוכבים, פון זנות, אונ שטעלין א
פאר דיזע זינדין זייער לעכערליך, אונ דאס איזט נאר ווייל זייא הא
איין גיזעהען דאס דיא קריטיק (בקורת) האט מעהר קראפט אלס ד
שטריינגשטע אזהרה אין דער וועלט.